פולע טאבעלע פון דער מלוכה=לאטעריע זעה 4=טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

הייַנט 24 זייטען

# נייַער פאלקסבלאט

№ 117 | Łódź, Piątek, 20 maja 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י"ד אייר תרצ"ב | № 117

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224=71

הערענאוו

קרייז=פריינד פון די

באראכאוו=שולען

שבת, דעם 28 מאי ——— פון 2 נאכמיטאג אן ——— שבת, דעם 28 מאי

די ערשטע גרויסע גארטען=פערוויילונג

אין פראגראם: א קינדער-פערוויילונג, סימפאנישער קאנצערט אונטער דער דיר. פון ס. פיעטרושקא.

טענץ פון א גירלס=אנסאמבל. ארייכע פאנטען=לאטעריע. אין צווייטען גארטען—א קאנצערט פון בלאז-ארקעסטער פון ארב. ספארט-קלוב „שטערן".

א סך פרייליכע אטראקציעס און פערוויילונגען. בילעטען צום פרייז פון 1 זל. און 50 גר. (פאר קינדער און שילער) שוין צו בעקומען אין אלע פראפ. פעראיינען, אין דער באראכאוו-ביבליאטעק זאכאדניא 63 און אין ספארט-קלוב „שטערן", מאניושקי 1.

ASEKURACJA ■ פערזיכערונגען

פון פאבריקען געגען פייער, אלער ארט סחורה=לאגערן

געגען פייער און גנבה,

וואוינונגען געגען פייער און גנבה

ווי אויך טראנספארט=פערזיכערונגען פיהרט אויס רעיעל און פינקטליך

אויף גינסטיגע בעדינגונגען

מרדכי חיים רומקאווסקי

קילינסקיעגא 105, טעל. 112=50.

2661

Spółdzielcza Kasa Handlowo-Przemysłowa

z ogr. odp.

Łódź, Nowomiejska 4, tel. 246-95

Konto Czekowe P. K. O. 140-554

ערלעדיגט

אלערליי באנק-אפעראציעס:

דיסקאנטא, אוואנסען, לויפענדע חשבונות,

וקלאדען, אינקאסעס אויף גאנץ פוילען, קויף

און פערקויף פון אלערליי מלוכה'שע ווערט=

פאפירען און פאנד=בריף.

די קאסע איז טעטיג טעגליך פון 9 ביז 7.

יודישע ארבייטער-פארטיי „פועלי=ציון" לאדזער ארגאניזאציע

זאל „אאזא" נארוטאוויטשא 20.

שבת, דעם 21 מאי ד. י. 8 א זייגער אוונט, קומט פאר

א קאלעקטיווע פארלעזונג

פון די ח"ח עדעלמאן ראטמאן לערן (ווארשא)

וואס זענען איצט צוריקגעקומען פון א לענגערע רייזע איבער פאלעסטינע

א.ד.ט.: „פועלי=ציון" וועגען דער איצטיגער לאגע אין פאלעסטינע

בילעטען צום פרייז פון 40 גר. ביז 1 גילדען שוין צו בעקומען אין די פראפ. פעראייגען, אין דער באראכאוו-ביבליאטעק זאכאדניא 63 און אין טאג פון דער פארלעזונג ביי דער קאסע פון „אאזא".

לאדזער קאמיטעט.

„יבנה"

41 צעגעלניאנא 41

טעל. 134=13

די לייטונג פון דער שולע מעלדעט, אז איינשרייבונגען אין אלע קלאסען, ווי אויך אין דער פרעבעל-שולע ווערען אנגענומען אין דער קאנצעלאריע פון דער שולע יעדען טאג פון 9—2 בייטאג.

בעמערקונג: לויט דער פעראָרדנונג פון דער שול-מאכט, וועט ווערען אנגענומען איינשרייבונגען נור ביז'ן 1/VI.

3247

כשר! וויכטיג! כשר

נייעס צום זומער=סעזאן!

ווילט איהר זיין געזונד?

ווילט איהר עסען געשמאקע און פרישע מיטאגען, פריהשטיקען און אווענדברויטען?

קומט אלע ווי איינער נור אין דעם גוט-בעקאנטען, היגיענישען, כשר'ן

באר „בריסטאל"

4 פאלודניאווא 4

טעל. 151=74

וואו איהר בעקומט צו יעדער צייט די בעסטע

מיטאגען פון 50 און מיט געפילטע פיש

אווענדברויטען און פארשידענע

פון 90 גר. אז.

פריהשטיקען צו בעקומען פון 7 פריה און

זמט און איבערציייגט אייך!

געשמאקט פריי! •• סאלידע בעדינונג!

Dr. med.

I. Weinberg

Cegielniana 11, tel. 126-02

ספעצ. פאר

הארץ= און לונגען=קראנקהייטען

עמט אן פון 3—4 און פון 8—9 אוונט.

2229

אויפבעוואהרונג

בעת דער זומער=צייט

זעמטליכע געגענשטענדע ווערען פערזיכערט

פון פייער און גנבה

איבערנעהמט אויף גוטע בעדינגונגען די פירמע

DOM TRANSPORTOWO-EKSPEDYCYJNY

S. Jelin i I. Rudomin

Sp. Akc.

Łódź, 62 Piotrkowska 62, tel. 102-07 i 224-69.

ס'איז שוין ערעפענט געווארען

דער גארטען

„TIVOLI"

ul. PRZEJAZD 1, TEL. 126-30

טעגליך קאנצערט

פון סימפאנישען ארקעסטער

אונטער דער לייטונג פון TEODOR RYDER

פון 8 א זייגער אוונד.

הרינו מביעים בזה את רגשי השתתפותנו החמה למזכיר ההסתדרות הציונית בלודז מר אשר שפירא במות עליו

אחותו נ"ע

בעבודתו המסורה הבלתי נלאית לטובת בנין ארצנו ימצא נוחם!

ועד ההסתדרות הציונית בלודז | ועדת קרן הקימת לישראל

הועד של „קרן היסוד" | המשרד הארץ=ישראלי בלודז

3941

אנו מודיעים על האסון הגדול שקרנו במות צלנו אשתי, בתנו ואחותנו

נ. ע.

רחל שווירץ

(מבית שפירה)

משפחתה המתאבלת.

# הערשעלע מאַרקוס נייעסטע „בוי=אינדוסטריע"...



די לאָדזער געזעלשאַפט ג.מ.ט.ש. (געזעלשאַפט מיט טויז שעל)

## מ'לאָזט נישט לעבען!

### אַ וויה-געשריי פון אַ לאָדזער דיסקאָנטער

װאָס װעט איצט זיין? ווי אַזוי וועט מען לע־בען? אומעטום אין דער גאַנצער וועלט פערקלע־נערט מען דעם פּראָצענט פון דיסקאָנטאָ.

בעת דער אינפלאַציע, האָב איך גענומען 12 פּראָצ. פון אַ וואָך. ביי דער קאַסע פון די אַקציעס האָב איך גענומען 12 פּראָצ. פאַר אַ חודש. נעכטען האָב איך גענומען פון „פּירמאָווע זאַכען" 12 פּראָצ פון אַ קוואַרטאַל, און איצט רעדט מען וועגען 12 פּראָצ אַ יאָהר. נו, קען מען פיהרען אַנ'ערליך לע־בען פון אַזאַ פּראָצענט?...

## כשר גערעכט

קינד: טאַטעשי, וואָס האָבען די מענשען געהאַט איידער ס'איז געווען ראַדיאָ?

טאַטער: מנוחה.

## אַנ'אָפּענער סימן פון פּעראַט

ווייב: זאָג מיר נאָר, תכשיט מיינער, דריי יאָהר האָסטו געהאַט אַ לאַך אין די הויזען, און איצט איז מיט איינמאָל אויף דעם אָרט דאָ אַ לאַטע! זיי דיך מודה, מיט וועלכער אויסגעלאַסענער פרוי „זדראַדזשעסט" דו מיך?...

## אַזוי ווי די גרויסע זינגען

### טון די קליינע שפּרינגען

אייניקעל (צו זיין רייכען זיידע): זיידעשי, זאָל שוין זיידעשי קייען די ערד!

זיידע: צו וואָס?

אייניקעל: ווייל דער טאַטעשי זאָגט אייביג אַז ווען דער זיידעשי וועט קייען די ערד, וועלען מיר בעקומען אַ מיליאָן זלאָטעס.

## אין דער קראַנקען=קאַסע

חולה (צום דאָקטאָר): נו, וואָס זאָגט איהר אַזאַ דאָקטאָזשע צו מיין האַרץ?

דאָקטאָר: גאַנץ געזונד איז עס נישט, נאָר אַזוי לאַנג ווי איהר וועט לעבען, וועט עס נאָך אויסהאַלטען.

## וועגען מאַנדזשוריען

### אַ שמועס צווישען פּאָליטיקער

ס'אינטערעסאַנט צו וויסען וואָס דער נייער פּרעזידענט פון דער נייער מאַנדזשורישער רעפּובליק וועט פריהער קויפען: אַ ביכעל צום לייענען, אָדער עטליכע גראַמאָפאָנען?

— נישט דאָס און נישט יענץ, ער וועט קודם כל קויפען אַ צוויי „אויסגעשאָסענע" האַרמאַטען און עטליכע צילינדערן אויף די באָלשעוויקעס.

—[:O:]—

# „אַקטיוו" און „פּאַסיוו"

## לאָדזער בטלנים זענען אויך נישט קיין בטלנים

ערשטער בטלן: ערקלער מיר, הענעך, וואָס איז דער פּשט, וואָס אין די האַנדעלס-בילאַנסען לייען איך אין די צייטונגען „אַקטיוו" און „פּאַסיוו", — וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

צווייטער: וואָס פערשטעהסטו דאָ נישט? „אַק־טיוו" מיינט מען די אַרבייטער מיט'ן פּערסאָנאַל און „פּאַסיוו" — דאָס איז דער בעל-הבית.

ערשטער: ערקלער מיר דייטליכער.

צווייטער: די אַרבייטער און דאָס פּערסאָנאַל זע־נען „אַקטיוו" און דער בעל-הבית נעהמט ביי דעם אַראָפּ דעם ריוח — פערשטאַנען?

# דיאַלאָגען

## צווישען יאָכעל הכּרוז און משה שקרן

דער היטלער מוז פאָרט זיין אַ גרויסער מענש.

— נו, נו, קרויגער איז געווען נאָך גרעסער.

וואָס איז די מעשה, וואָס מ'האָט פּלוצלונג גענומען רעדען וועגען באַרטלען?

— ווייל ער קען, זאָגט מען, גוט רעכענען.

און וואָס הערט מען איצט אין יאַפּאַניע?

— ס'איז [illegible] אין בעסטען אָרדנונג— מען שלאָגט זיך.

## אנאָנסען=טייל פון „קונדס"

פון זאַפּאַרט געזוכט!

פון זאַפּ[illegible]רט ווערט געזוכט

אַ ליעטניק

מיט ליכט. דער פעראיין

פון ווילע-בעזיצער אין חישניאָווע גרא

צוליב דעם וואָס די אויסלענדס-פּעסער זע־נען טייערער געוואָרען אויף 400 זל. וועט היי־יאָהר

**דער קאָליע-גאָרטען**

זיין אָפען טעגליך ביז 10 אָוונד.

דער מאַגיסטראַט

## וויכטיג

פאַר דאַטשעלאָזע ליעטניקעס!

צוליב דעם קריזיס, פערדינג איך צום קומענ־דיגען דאַטשע־סעזאָן

**אַ פּראַנט=זוניג= פענסטער**

מיט 2 גרויסע בלומען־טעפּ — אַ גראַמאָפאָן אויפ'ן אָרט — צוגענגליכע בעדינגונגען. מאַנופאַקטוריס־טען בעקומען ראַבאַט.

אַ לאָדזער פאַבריקאַנט.

---

# דער קונדס

● הומאָר

● סאַטירע

● צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 117 — פרייטאג, דעם 20 מאַי 1932

# נישטאָ קיין פּרייערס!...





ווילע-אייגענטימעריז: געוואַלד, געשריגען, מ'זאָל דאָס זעהען איין שטיקעל ליעטניק פאַר די אויגען!...



אויבען רעכטס: די „געשפענסטער־שיף" טשאַקאַ, איז ריינגעלאָזט געוואָרען אין האַפען פון גדיניע.



אינדערמיט לינקס: די 102־יעהריגע אַעראָפּלאַן־פּאַסאַזשירקע, פרוי סטענסטאַל מאַכט אַ רייזע אין דער לופטען.

אונטען רעכטס: קאַנצלער ברינינג אויף דער רעדנער־טריבונע, צו דער גרויסער דעבאַטע אין רייכס־טאַג.





פילאָט בערטראַם איז פערלוירען געגאַנגען אויפ׳ן וועג קיין אויסטראַליען.





יונגע דאַמען פון דער הויכער ענגלישער געזעלשאַפט פאָהרען צום ערשטען מאָל אין הויף אַריין, וואו זיי וועלען פאָרגעשטעלט ווערען פאַר׳ן קעניגליכען פּאָר.

אונטען: די גרעסטע לופט־שיף אויף דער וועלט די אַמעריקאַנישע שיף „אַקראָן" האָט בעת די לופט־מאַנעווערס דורכגעמאַכט אַ שווערען שטורם







אויבען לינקס: דער נייער פראַנצויזישער מלוכה־פרעזידענט, אַלבער לעברען.

אינדערמיט רעכטס: אַ יעכט פון שפּאַניער, וועלכער האָט אויסגעפּאַטשט דעם גאָו, שפּאַנישען קעניג אַלפאָנס, ביי זיין אָנקומען אין מאַרסעל.

אונטען לינקס: די איינשטיין־אָבסערוואַטאָריע אין פּאָטסדאַם (נעבען בערלין) וואו עס ווערט אויפגע־





רייכס־אינערן – מיניסטער גען. גרענער צו די שווערע אַנגריפען, וואָס ווערען געגען איהם געמאַכט דורך די היטלעריסטען.



בלינדע סטענאטיפיסטקע, וועלכע האט געוואונען א פריז פאר שנעל שרייבען.



די בעריהמטע ענגלישע רעקארד-פליהערין עמי דזשאנסאן האט זיך פערלאבט מיט'ן פילאט מא-ליסאן.



יוגענטליכע אויסער דע רשטאט. דער סעזאן פון פריהלינגס-עקסקורסיעס.




אויבען לינקס: אויסטראלישע סקולפטארין מאהא שאפט א ריזען-דענקמאל פאר די געפאלענע אין וועלט-קריג.



צום 170-טען געבורטסטאג פון דייטשען פילאזאף יאהאן גאטליב פיכטע.



לינקס: דער באקאנטער געלעהרטער פראפ. קריג איז צוריקגעקומען פון זיין פארשונגס-עקספעדיציע אין גראן — טשאקא, דרום - אמעריקע.

אונטען א נייער דענקמאל פאר קריגס-געפאלענע אין פאטסדאם.



אינדערזייט לינקס: די נארוועגישע דיכטערין סיגריד אונדסעט איז אלט געווארען פופציג יאהר.



אינדערמיט רעכטס: געשטארבען דער פיהרער פון די אויטאנאמיסטען אין עלזאס, גלח העגי




אונטען: בילדער פון דער בערלינער אויסשטעלונג. 1) א הויז ביים וואסער. 2) אן אייגענארטיג הייזעל פאר קאלאניסטען.



דער פליהער לואיס רייכער, צו זיין אונגעלונגענעם פליהען איבער'ן אקעאן פון אמעריקא נאך אייראפא





אין מינכענער זאאלאגישען גארטען איז געבוירען געווארען א קליין העלפאנטעל.



אונטען לינקס: דער אויפבאהמס-קאמיטעט פון דער אלימפיאדע אין לאס-אנדזשעלאס בעשטעהט פון שעהנע מיידלעך, פארשטעהערינס פון אלע אמעריקא-נער שטאטען.

